Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

הײַנט 10 זײַטען

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 303 | Łódź, Czwartek 29 grudnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, ל' כסלו תרצ"ג | № 303

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.

# מאסען-ארעסטען אין גאליציען

לעמבערג, 28 (טעלעפאניש).

אין גאנץ מזרח-גאליציען זענען פארגעקומען מאסען-ארעסטען צווישען אוקראינער.

די רעוויזיעס און ארעסטען זענען פארגעקומען אין די גרעסערע און אין די קלענערע שטעט.

די רעוויזיעס זענען אדורכגעפיהרט געווארען אין איין צייט, און זיי זענען געווען זעהר גענויע.

די אקציע פון דער זיכערהייטס-מאכט נעמט ארום: לעמבערג, סטאניסלאוואוו, טארנאפאל, נאפט-זאגלעמביע, סטרי, סאמבאר, בושזשאני או"וו.

צווישען די ארעסטירטע געפינען זיך א סך סטודענטען.

## „עראפלאנען-שלאכט"
### סענסאציע פון דער פראנצויזישער פרעסע

פאריז, 28 (ספ. טעל.)

די פראנצויזישע פרעסע ברענגט די סענסאציאנעלע ידיעה, וואס ווערט אנגעגעבען אין דער אפיציעלער פארם פון דער האוואס-אגענטור מכוח א רעמזפלהאפטען פארפאל אויף דער פויליש-סאוויעטישער גרעניץ.

אויף דער דאזיגער גרעניץ זאל האבען פארגעקומען עפעס אנ'אויסטערלישער עראפלאנען-שלאכט. א מיליטערישער עראפלאן מיט 2 פילאטען זאל האבען געפליגען אין דער ריכטונג צו דער פוילישער גרעניץ, אבער באלד האבען איהם נאכגעיאגט אנדערע דריי סאוויעטישע עראפלאנען.

נאך א לענגערן קאמף אין דער לופט, איז דער עראפלאן, וועלכער האט וואהרשיינליך געהאט בדעה אריבערצופליהען די פוילישע גרעניץ, ארונטערגעשאסען געווארען.

ביידע לופט-פליהער זענען דער'הרג'עט געווארען.

## א געוויסע פאטענטען הנחה

ווארשא, 28 (טעלעפאניש)

דאס פינאנץ-מיניסטעריום האט פונאנדערגעשיקט א צירקולאר צו די פינאנץ-קאמערן וועגען דעם, אז מ'זאל ביי געוויסע אומשטענדען דערלאזען אויסצוקויפען קלענערע פאטענטען, ווי די, וואס מ האט ביז איצט געהאט.

עס וועט זיין אפילו דערלויבט צו האלטען ארבייטער מעהר, ווי דערלאזבאר לויטן ענטשפרעכענדען פאטענט.

עס וועט דערלויבט זיין די ווארשטאטען אין די גרעניצען פון דער 8-טער ביז דער 4-טער אויסצוקויפען פאטענטען פון א נידריגערער קאטעגאריע און גלייכצייטיג צו באשעפטיגען אנגעשטעלטע איז דער צאהל, וואס ווערט דערלויבט א העכערער קאטעגאריע.

דאס וועט בעטראכט ווערען, ווי א פאל ווי ווען מ'בעשעפטיגט ארבייטכלאזע.



נעבען מינכען איז געשעהן א קאטאסטראפע מיט אנ'עראפלאן, אין וועלכען עס זענען געפלויגען סקי-ספארטלער. צום גליק זענען אלע ארויס גאנץ פון דער קאטאסטראפע.

## בעת אנ'אנפאל אויף א צוג
### זענען דער'הרגעט געווארען 25 מאן

ניו-יארק, 28 (ספ. טעל.)

הינטער מאנאגוא (ניקאראגיא) זענען אויפשטענדיגע בעפאלען א צוג, און האבען שוין געזאלט אומברענגען די דינערשאפט.

ס'איז אבער צו דער צייט געקומען אנ'אפטיילונג פון דער נאציאנאלער גווארדיע, וועלכע האבען בעפרייט די דינערשאפט פון צוג און פאריאגט די אויפשטענדיגע.

בעתן קאמף זענען דערהרגעט געווארען 22 אויפשטענדיגע און 3 זעלנער פון דער גווארדיע.

## א פאל פון שפייז-רויב אין ווארשא

ווארשא, 28 (טעלעפאניש)

היינט, 5 א זייגער פארנאכט האבען אומבעקאנטע פערזאנען אויסגעהאקט א וויטרינע-שויב אין א גרויסען יודישען קאלאניאל-געשעפט אויף די נאלעווקי'ס און פון דארט ארויסגענומען פוטער און שפראטען.

מ'האט די שפייז-רויבער נישט געכאפט.

## דער גוטער מצב פון די ארץ-ישראל-פינאנצען
### נעהעכערט די צאהלען אויף מעהל און ווייץ

ירושלים (י. ט. א.) לויט די אפיציעלע בעריכטען בעטרעפט דער עודף פון די הכנסות איבער די הוצאות פון דער ארץ ישראל-רעגירונג אנ'ערך איין מיליאן פונט.

גלייכצייטיג טיילט מיט די „אפישיעל גאזעט" אז די אימפארט-צאהלען אויף מעהל און ווייץ וועלען געהעכערט ווערען מיט'ן אנהויב פון נעקסטען חודש.

Lekarz-Dentysta

M. Kaniewska

Zawadzka 6.

בעהמט אן פון 10—1 מיטאג און פון 3—7 אוונט.

Dr. Wajnberg

ספעצ. פון הארץ-און לונגען-קראנקהייטען
ציגעל-גאס 11, טעל. 126 02
נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אוונט.

צו דער לאדזער יודישער בעפעלקערונג!

„דאס נייע ארץ-ישראל"

ערשטער העברעאישער קלאנג-פילם

רעדט און זינגט 100% מיט דער ארץ-ישראל'דיגער יודישער שפראך די לעצטע 3 טעג פון מיטוואך ביז שבת, דעם 31. דעצ. אין קינא „ראקיעטא", שענקעוויטשא 40

יודען! פערזוימט נישט און לאזט נישט אדורך די געלעגענהייט צו זעהן ארץ-ישראל! בילעטען פון 49 גר. אן ביז 1.50 צו בעקומען אין קאסע פון „ראקיעטא" און אין „ת'צרת ארץ-ישראל", שרודמיעסקא 1.

פאר גאלד, ביזשוטעריע און לאמבארד-קוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

„הזמיר" אל. קאשטשושקי 21

שבת, דעם 31 דעצעמבער ד. י. 9 אווענד

טראדיציאנעלער חנוכה-ראוט

אין מוזיקאלישען פראגראם נעהמען אנטייל:
כאר, ארקעסטער, מענער-קווארטעט (ברידער גרינוואלד, העכט, שארפשטיין), סאליסטען א. א. וו.
נאכ'ן פראגראם: — טענץ ביז אין דער פריה.

בילעטען צו בעקומען טעגליך אין סעקרעטאריאט פון „זמיר". 5560

אונזער ליבען שוואגער לייזער און פאמיליע
צוליב'ן טויט פון זייער טייערן און אונפערגעסליכען מאן און פאטער

נ"ע אהרן זארזשעווסקי

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.
זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

לייזער און אסתר זארזשעווסקי.

5557

רעשטען-

לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראנט, 2-טער שטאק
פערשידענע קאמגארנס
ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער
אויף אנציגער און פאלטענס
ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטאס און קאסטיומען
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערציגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
געפינט נאר
אין פראנט, II שטאק

אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעל. 72-221

נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטאריש פון 9—1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

4091

צו די ה"ה גנבים!

כ בעט די ה"ה גנבים, וואס האבען פרייטאג אויפ'ן פאבריקס-וואקזאל מיר ארויסגענומען א פעקעל פראטעסטירטע וועקסלען מיט מיין זשירא. אפצוגעבען מיר געגען נוטע בעלוינונג.

א. אראבאוו,
ברושעזשין, ביי לאדז.

דיסקרעציע געזיכערט!

5558

צוליב אבריזע
צו פערקויפען א
ספר תורה

לאדז, פילסודסקעגא 35 (ווסכאדניא)
טויער-אפיצינע, 3-טער שטאק, וו. 42.

5554

